# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שמות תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 413



בני אמונים

מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון מהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל

נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### פון א געוויין דערקענט מען צי ער איז א איד

"וַתִּפְתַּח וַתִּרְאֵהוּ אֶת הַיֶּלֶד וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה וַתַּחְמֹל עָלָיו וַתֹּאמֶר מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה" (ב ה)

וויאזוי האט פרעה'ס טאכטער געקענט פעסטשטעלן דורך די געוויין פון דאס קינד אז "מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה"?

ערקלערט רבי מאטל סלאנימער:

צווישן א געוויין פון א איד און דאס געוויין פון א גוי איז פאראן א ערנסטער אונטערשייד; דער געוויין פון דעם גוי געבט ארויס פארצווייפלונג, אבער דאס געוויין פון א איד - דערציילט אונז זיין האפענונג.

די ריכטיגע בילד אויף דעם האט רבי מאטל אליין געגעבן, ביי איינע פון די געלעגענהייטן ווען די אראבער האבן זיך ארגאניזירט פירן א קאמף קעגן די אידן אין ארץ ישראל. אין די צייט וואס האט געהערשט גרויס פחד האבן די נאנטע פון רבי מאטל צוזאמגענומען אין זיין שטוב אין טבריה צו זאגן מגילת איכה און קינות, רבי מאטל האט געזאגט די שווערע פסוקים איינס נאכן צווייטן ווען ער האלט זיך איין. נאר ביים דריטן קאפיטל, ווען ער איז אנגעקומען צו די פסוקים פון האפענונג וואס הייבן זיך אן מיט דער פסוק (איכה ג כב): "חַסְדֵי ה' כִּי לֹא תָמְנוּ כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמָיו", האט ער פלוצלינג אויסגעבראכן אין א געוויין - א געוויין וואס ברענגט ארויס האפענונג

'מרביצי תורה מעולם החסידות' ח"ז עמ' רד

### ווען פרעה איז געשטארבן איז אנגענומען געווארן די תפילות

"וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה" (ב כג)

פארוואס האבן די אידן געשריגן נאך פרעה'ס טויט?

דער 'צרור המור' ערקלערט אז אין אמת'ן איז די געשריי פון די אידן נאך געוועזן בעפאר די טויט פון פרעה, און אזוי טייטשט מען דער פסוק: "וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם" - די סיבה פארוואס דער קעניג פון מצרים איז געשטראפט געווארן און געשטארבן, צוליב: "וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל... וַתַּעַל שַׁוְעָתָם...".

אבער דער 'עקדת יצחק' (שער לד) ערקלערט: ווען פרעה איז געשטארבן, און אלע מצריים האבן זיך צוזאמגענומען אים מספיד זיין, זענען די אידן אויך געצווינגען געווארן אים מספיד זיין און באוויינען אזוי ווי קנעכט טון נאכן די טויט פון זייער האר, דעמאלטס האבן די אידן אויסגענוצט די געלעגנהייט און האבן אינזין געהאט אז זייער געשריי זאל אנקומען צו השי"ת, און דורך דעם זענען זייערע תפילות אנגענומען געווארן.

לויט דעם ערקלערט דער '**אמרי שמאי**' וואס מ'זאגט ביי 'אנא בכח': "שוועתנו קבל ושמע צעקתנו יודע תעלומות"; אויסערליך האט אויסגעזען, אז די אידישע קינדער נעמען א טייל אין די געוויין פון די מצרים, אבער דער אויבישטער האט געוואוסט די אמת'דיגע סיבה פון זייער געשריי און האט אנגענומען זייער תפילה.

### ארייננגיין מיט א שטעקן אין שול

"וַיֹּאמֶר אַל תִּקְרַב הֲלֹם שַׁל נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת קֹדֶשׁ הוּא" (ג ה)

אין משנה (ברכות נד א) שטייט אז א מענטש טאר נישט ארייננגיין אין הר הבית "במקלו ובמנעלו", לויט דעם דארף מען פארשטיין פארוואס ביי די 'מראה הסנה' איז משה נישט באפוילן געווארן אראפצווארפן די שטעקן וואס ער האט געהאלטן אין די הענט (אזוי ווי עס שטייט שפעטער אין קאפיטל ד פסוק א)?

דער '**שבות יעקב**' ברענגט פון דא א ראי' אז די חכמים האבן נאר גע'אסר'ט א שטעקן וואס העלפט צום גיין, ווייל געווענליך איז עס שמוציג און פארשטויבט, דעריבער האט עס א דין ווי שיך. אבער א שטעקן וואס מ'גייט וועגן חשיבות און כבוד, אזוי ווי די שטעקן פון משה, מעג מען ארייננגיין מיט דעם אין הר הבית. און וועגן דעם פסק'נט דער 'שבות יעקב' אז אין אונזערע צייטן דארף מען נישט מחמיר זיין נישט ארייננגיין מיט אזא שטעקן אין א שול (זעה שו"ע או"ח קנא ו; 'עולת תמיד' שם ח).

אבער דער **חיד"א** קריגט זיך און האלט אז מ'טאר נישט ארייננגיין אין הר הבית מיט יעדע סארט שטעקן, ווייל אויב וואלט מען געמעגט ארייננגיין מיט א שטעקן וואס מ'גייט צוליב כבוד, וואלט די משנה נישט געשריבן דער איסור אן צו דערמאנען ווען ס'איז מותר. דעריבער שרייבט דער חיד"א אז מ'דארף מחמיר זיין נישט ארייננגיין אין שול אפילו מיט א שטעקן וואס איז געווידמעט אויף כבוד, "והעושה כן לכבוד ה', לכבד מקדש מעט, הנה שכרו אתו".

די סיבה פארוואס משה רבינו איז נישט באפוילן געווארן אראפצווארפן זיין שטעקן ביי די סנה, ערקלערט דער חיד"א, ווייל אין דער שטעקן איז געוועזן א באזונדערע קדושה, ווייל דאס איז דאך געוועזן פון די צען זאכן וואס זענען באשאפן געווארן ביי די ענדע פון די בריאה - "בערב שבת בין השמשות" (אבות ה ו).

שו"ת 'שבות יעקב ח"ג סי' א; שו"ת 'יוסף אומץ' סי' טז אות א

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### צען מינוט וואס מאכן די אונטערשייד

ווי א פארזעצונג צו די ווערטער וואס זענען געשריבן געווארן אין אט די פלאטפארמע אויף דער ענין פון קומען פריה צום דאווענען, וויל איך מוסיף זיין און קלאר אויסשמועסן, טראץ וואס די חכמים זאגן (ברכות ל ב) אז "חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללין, כדי שיכוונו לבם לאביהם שבשמים", איז שייך ביי אלע דריי תפילות פון טאג, פון דעסוועגן איז דאס וויכטיג און ספעציעל פארבינדן מיט תפילת שחרית.

קומען פריה צו תפילת שחרית איז נישט נאר א הידור אדער א תוספת, נאר א ריכטיגער חוב! ווען א מענטש קומט אן צו תפילת שחרית 'פונקט אין צייט' דערלייגט ער דורך דעם א 'גאנצע וועלט', פשוטו כמשמעו!

ארום דריי און צוואנציג ברכות ווערן געזאגט פאר תפילת שחרית, און ווען דער מענטש קומט 'פונקט אין צייט' צום דאווענען, זאל ער טראכטן וויאזוי ווערן זיי געזאגט, אויב זיי ווערן געזאגט?!

אויב מיר ווען זיך קאנצענטרירן אפילו נאר אין די תפילה 'אדון עולם', וואס אויף דעם שרייבט דער תלמיד פון מהרש"ל אין 'מטה משה' (ח"א סי' לא): "רבי יודא החסיד און רב האי גאון און רב שרירא גאון שרייבן 'ווער עס האט אינזין ביי די אנהויב פון 'אדון עולם', 'ערב אני בדבר שתפלתו נשמעת, ואין שטן מקטרג על תפלתו'" איז לאמיר אריינטראכטן, וויפיל מאל קען א מענטש דערלייגן אט די תפילה צוליב פארשפעטיגן אדער קומען 'אין דער לעצטער מינוט'?!

אין די צייט דארף מען אניאגן אנטון די טלית און זאגן די ברכה ווי עס דארף צו זיין, לייגן תפילין און זאגן די ברכות ווי עס דארף צו זיין, און דערצו אויך זאגן 'קרבנות'... אויב מיר ווען זיך באגענוגן מיט דער צ°ט וואס איז אויף דעם באשטימט, איז כמעט אוממעגליך צו קענען טון אלעס וואס פארלאנגט זיך.

ווי ווייטאגליך איז צו זען ערליכע מענטשן 'שטופן' אריין אין געציילטע מינוטן אלעס וואס מ'דארף זאגן.

איבערהויפט ווערן די ווערטער געזאגט אקעגן דעם אור-אלטן אידישן מנהג זאגן די ברכות השחר צוזאמען, ווען איינער זאגט און דער חבר ענטפערט אמן. עס קען זיך אפשר דאכטן אז מיר דערלייגן צייט דורך דעם וואס מ'געבט אכטונג אויף דעם, אבער ס'איז פאסיג צו דערמאנען אויף דעם די מאמר חכמים (ברכות מז א): "כל המאריך באמן מאריכין לו ימיו ושנותיו" - א מענטש זאל נישט טראכטן אז ער דערלייגט צוליב דעם וואס ער איז מקיים די מצוה, ווייל ער איז פארזיכערט אז זיינע טעג וועלן פארלענגערט ווערן...

א גוט שבת

יעקב דוב מארמארשטיין

# די קאנווערט וואס איז געהיטן געווארן פאר די 'שומרי אמונים'

די פאלגנדע ערציילונג איז געשיקט געווארן צו אונז דורך די בעלת המעשה, א אידישע מאמע, וואס האט זוכה געווען צו זען קלאר און אפן א וואונדערליכן און באזונדערן השגחה פרטית, אין זכות וואס איר פאמיליע האט זיך מחזק געווען אין ענטפערן אמן.

דאס איז געווען אין א דינסטאג, אין איין טאג פון חודש אלול. אונזער טייערער זון דער צוועלעף-יעריגער משה'לע איז אהיים געקומען, אזוי ווי זיין שטייגער יעדן זונטאג, דינסטאג און דאנערשטאג, נאכן לערנען לעבעדיג און זיס די הייליגע גמרא מיט די חברותא, א יונגערמאן א תלמיד-חכם וואס מיט אים לערנט ער אין די לעצטערע חדשים, דריי מאל יעדע וואך.

אבער דאס מאל איז עפעס אנדערשט געווען. משה'לע פלעגט יעדע מאל צוריק קומען פון די קביעות'דיגע לערנען ווען א שמייכל פון צופרידנקייט דערקענט זיך אויף זיין פנים, אבער דאס מאל איז זיין פנים געווען אראפגעלאזט און זיינע אויגן פארלאשן. איך האב פרובירט זיך אינטערעסירן און הערן פון זיין מויל פארוואס איז ער אהיים געקומען מיט א שלעכטן געמיט, אבער ער האט זיך ארויסגעדרייט פון מיר און אריין אין זיין צימער און פארמאכט הינטער זיך די טיר. איך האב באלד איינגעזען אז עפעס איז געשען, איך האב צוזאמגעשטעלט די פרטים וואס זענען מיר ארויף געקומען אין קאפ און איך האב פארשטאנען אז איך ווייס וואס עס האט פאסירט...



איך בין צוגעגאנגען צו זיין צימער און אים געפרעגט איידעלערהייט, ווען איך פרוביר באהאלטן מיין שרעק: "זיסער משה'לע, האסט איבערגעגעבן די קאנווערט פאר דיין חברותא?".

אנשטאט א ענטפער האט משה'לע אנגעהויבן וויינען.

מיין פארדאכט איז אמת. די קאנווערט מיט די טויזענט שקלים וואס איז גרייט געווען צו באצאלן פארן יונגערמאן וואס לערנט מיט משה'לע איז פארלוירן געווארן. קוים איז מיר געלונגען צו הערן וויאזוי דאס איז געשען; זיצנדיג אויפן באס, אויפן וועג צו זיין חברותא, האט ער אראפגעלייגט די קאנווערט אויף די זיץ נעבן אים, מיטאמאל האט ער באמערקט זיין פריינד וואס זיצט הינטער אים צוויי בענק. אן טראכטן האט ער באשלאסן צו גיין זיצן נעבן זיין פריינד, און ווען די באס האט זיך אפגעשטעלט ביי די סטאנציע, איז ער אראפ, ווען ער לאזט איבער די קאנווערט פאר'יתום'ט.

טויזענט שקלים איז נישט א קליינע סומע פאר א פאמיליע ווי אונז, מיר האבן געשפארט כמעט פון אונזער מויל וויסנדיג אז מיר טוען דאס בעסטע פאר אונזער זון וואס האט זיך שטארק געוויטיגט אין הילף אין זיינע לימודים, דער יונגערמאן האט געווארט אויף די חודש'ליכע באצאלונג, די קאנווערט איז פארפאלן געווארן ואני אנה אני באה.

מיין הארץ האט מיר וויי געטון. ווי שטארק האב איך מורא עס זאל נישט פאסירן. וויפיל האב איך אנגעווארנט משה'לען ער זאל אפהיטן די קאנווערט, און פון וואס איך האב געציטערט איז טאקע געשען, די געלט איז נישטא.

אסאך צייט צו טראכטן האב איך נישט פארמאגט, איך האב אנגעהויבן טון צו דער זאך, איך האב זיך באלד פארבינדן צו די 'דן' קאמפאני, און נאכןווארטן א לאנגע וויילע אויף די ליין, האט מען מיך אריבערגעפירט צו די 'אבידות-אפטיילונג'. דארט האב איך אויך געווארט נאך עטליכע מינוט ביזן באקומען א ענטפער, ווען איך האב שוין אין ענדע זוכה געווען צו באקומען א ענטפער האבן זיי מיר געזאגט אז זיי ווייסן נישט וועגן דעם פארלוירענעם קאנווערט.

נישט האבנדיג א אנדערער וועג האב איך גערופן מיין זון'ס חברותא און זיך אנטשולדיגט אז דאס מאל זענען מיר געצווינגען פארשפעטיגן מיטן באצאלן, איך האב מסביר געווען אז די קאנווערט איז פארלוירן געווארן אויפן וועג צו אים. דער יונגערמאן האט מיט זיין איידלקייט באלד מסכים געווען אפצושטופן די באצאלונג און אויך געוואונטשן פון טיפן הארצן מיר זאלן באלד געפונען די אבידה.

"געלט וואס קומט פון א לומד תורה און גייט צו א לומד תורה וועגן לימוד התורה, וועט זיכער געפינען ווערן און צוריק געקערט ווערן צו ענק אין די נאנטע טעג" - האט דער יונגערמאן מיר געזאגט מיט א שטארקייט. אבער דער זאץ האט מיך נאכמער מחייב געווען...

משה'לע וואס האט געפילט זיך אביסל נישט אומבאקוועם מיט וואס עס האט פאסירט, האט פארשטאנען אז ער דארף עפעס טון צו דער זאך. ער האט באלד צוזאמגערופן זיינע ברודער און שוועסטער צו א קליינע 'אסיפת חיזוק', און זיך בעראטן מיט זיי מיט וואס לוינט זיך מחזק זיין כדי די טייערע אבידה זאל געפונען ווערן.

דאס איז געווען פונקט אין די תקופה וואס איז פארגעקומען דער גרויסער התעוררות פון 'בני אמונים' אין די תלמודי תורה'ס און אין די שולע'ס, אזוי אז ס'איז נישט געווען א וואונדער ווען אלע קינדער האבן אויסגעשריגן 'אמן' אלס א מצוה וואס אירע געוואלדיגע זכויות וועלן זיכער העלפן צו טרעפן די אבידה.

גערעדט און געטון - פון דער מינוט און ווייטער זענען די 'אמן'ס' געהערט געווארן אין אונזער הויז הויעך, איינס נאכן צווייטן, ווען אונזער גאנצער הויז פילט זיך אן מיט נאך לויטערע מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די מצוה.

דערנאך וואס איז אריבער עטליכע שעה'ן אן עפעס זאל זיך רירן, האבן מיר אין די הערצער שוין באשלאסן, ווי עס זעט אויס וועט די קאנווערט קיינמאל נישט געטראפן ווערן. די קאנווערט איז געווען אן קיין שום צייכן, און צוליב דעם איז נישט געווען אסאך אויסזוכטן עס צו טרעפן. מיר האבן זיך געטרייסט מיט דעם אז לכל הפחות איז פון דעם ארויסגעקומען א גוטע זאך, ווען אין זכות פון די אבידה האט זיך אויך אונזער הויז צוגעשטעלט צו די צענדליגער טויזנטער אידישע הייזער וואס שטארקן זיך אגאנצע צייט מיט ענטפערן אמן.

אין אמת'ן האט די 'אמן' נישט אנטוישט. אויך דאס מאל...

צוויי טעג שפעטער. דאנערשטאג. האלב זעקס נאכמיטאג, דאס איז די באשטימטע צייט וואס משה'לע איז געוואוינט צו גיין לערנען מיט דער יונגערמאן זיין חברותא, אבער משה'לע איז נישט גרייט געווען צו גיין, טרערן זענען גערינען פון זיינע אויגן.

"טייערער משה'לע", האב איך אים בארואיגט: "פאר געזונטערהייט, די געלט זאל זיין אויף כפרות... גיי לערנען און השי"ת וועט העלפן...". א סקונדע נאכדעם האב איך צוגעלייגט פאר משה'לע ער זאל אפשר פרעגן פונעם דרייווער אויב ער האט געזען די קאנווערט. משה'לע פלעגט יעדן טאג פארן אין די זעלבע צייט, אזוי אז עס זעט אויס אז אויך היינט וועט ער פארן מיטן זעלבן באס וואס ער איז געפארן פאר צוויי טעג, האב איך געטראכט צו מיר, און ווער ווייסט אפשר האט דער דרייווער געטראפן די קאנווערט און וויל עס צוריק געבן פאר איר בעל הבית.

משה'לע איז ארויס פון שטוב מיט וואקלדיגע פוס אבער געמוטיגט, גראד צו די באס סטאנציע וואס מיט דעם איז ער געוואוינט צו פארן דריי מאל אין א וואך לערנען מיט זיין חברותא. דער באס איז אנגעקומען און משה'לע האט זיך אנגעגארטלט מיט קוראזש און געפרעגט דעם דרייווער: "האט אפשר צופעליג געזען דא א קאנווערט, אין אזא צייט, דינסטאג?".

"יא!", האט דער דרייווער געענטפערט פאר דעם איבערראשטן משה'לע, "ביים ענדיגן די ליין האב איך דא געזען א קאנווערט, אפשר פון א חתונה...?! איך האב עס אריינגעלייגט אין די דערנעבנדיגן מיסט". דער דרייווער האט פארגעזעצט זיין וועג, און משה'לע איז צוגעגאנגען צו די מיסט-קאסטן.

אומגלויבליך! די קאנווערט איז דארט געליגן, גאנץ און ריין, אן קיין שמוץ, און אפילו אן קיין גערוך. אכט און פערציג שעות איז די קאנווערט געליגן אין די מיסט-קאסטן און גארנישט האט נישט פאסירט. זי איז געבליבן גאנץ און פארמאכט, צוזאמען מיט איר אינהאלט - א פיאסטער האט נישט געפעלט.

די קאנווערט איז איבערגעגעבן געווארן פארן איבערגעגעבענער יונגערמאן, און משה'לע איז אהיים געקומען פרייליך און צופרידן, זיינע אויגן לייכטן. ברוך ה' די אבידה איז געטראפן געווארן, און די הייליגע 'אמן' הערט מען ווייטער אין אונזער הויז ביזן היינטיגן טאג.

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה אמת ואמונה

### די מקור פון די ברכה

די חכמים האבן מתקן געווען אז דער וואס לייענט קריאת שמע ביינאכט דארף נאכדעם זאגן צוויי ברכות (ברכות יא א). די ערשטע ברכה נאך קריאת שמע פון ביינאכט איז די ברכה 'אמת ואמונה'.

די חכמים האבן אוועקגעשטעלט די יסוד פון די ברכה און פון די ברכה 'אמת ויציב' וואס ווערט געזאגט ביי שחרית נאך קריאת שמע, אויפן פסוק (תהלים צב ג): "להגיד בבוקר חסדך ואמונתך בלילות". צוליב דעם ביי די ברכה 'אמת ויציב' וואס ווערט געזאגט אינדערפריה דערמאנען מיר נאר דעם איבערשטנ'ס חסד מיט אונזערע עלטערן ביי יציאת מצרים, דאקעגן ביי די ברכה 'אמת ואמונה' וואס ווערט געזאגט ביינאכט, דערמאנען מיר אויך אונזער אמונה אז הקב"ה וועט מקיים זיין זיין הבטחה און אונז מציל זיין פון די וואס שטייען אויף אקעגן אונז אין אלע דורות (ברכות יב א; רש"י שם ד"ה שנאמר).

### די געבוי פון די ברכה

די ברכה 'אמת ואמונה' היבט זיך נישט אן מיט 'ברוך', און דער טעם איז ווייל דאס איז סמוכה צו די ברכות פון בעפאר קריאת שמע, און קריאת שמע ווערט נישט פארערכנט פאר א הפסק (טור או"ח רלו).

די ברכה איז אויך אנגערופן א 'ברכה ארוכה', ווייל חז"ל זאגן אין ירושלמי (ברכות א ו) אז מ'דארף מאריך זיין אין דעם און דערמאנען אסאך איינצלהייטן: יציאת מצרים, מכת בכורות, קריעת ים סוף, און מלכות ה' (רש"י ומאירי שם. ראה משנה ברורה סו נג).

אין די פארזעצונג פון די ברכה זאגן מיר: "משה ובני ישראל לך ענו שירה בשמחה רבה, ואמרו כולם (שמות טו יא): 'מי כמוכה באלים ה' מי כמוכה נאדר בקודש נורא תהלות עושה פלא'...". לכאורה פארוואס דערמאנט מען פונקט דער פסוק? אין סידור 'צלותא דאברהם' ערקלערט ער, אין די צייט וואס אויף די אלע פסוקים פון די שירה זאגן די חכמים (סוטה כז ב) אז נאר משה רבינו האט זיי געזאגט, און די אידן האבן געענטפערט נאר א טייל פון די שירה, איז דער פסוק אנדערש אז דאס האבן די אידן געזאגט צוזאמען מיט משה, און וועגן דעם נאר אויף דער פסוק קען מען זאגן "ואמרו כולם".

### די באדייט פון די ברכה

עס איז באקאנט די משנה (שם יב ב), וואס ווערט געזאגט יעדעס יאר ביי די הגדה של פסח: "מזכירין יציאת מצרים בלילות. אמר רבי אלעזר בן עזריה: הרי אני כבן שבעים שנה, ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות, עד שדרשה בן זומא, שנאמר (דברים טז ג): 'למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך', 'ימי חייך' - הימים, 'כל ימי חייך' - הלילות". ד.מ. די ווערטער 'כל ימי' דרש'נט מען צו פארמערן אלע שעה'ן פון די טאג, אויך די נאכט ('שנות אליהו' ברכות א ה).

די ראשונים קריגן זיך ארום אין די ערקלערונג פון די הוראה פון די משנה: לויט רש"י (שם ד"ה מזכירין) די חיוב "מזכירין יציאת מצרים בלילות", באציט זיך אויף די חוב פון זאגן די קאפיטל 'ויאמר' אויך ביינאכט, טראץ עס רעדט זיך בעיקר פון די מצוה פון ציצית וואס איז נישט ביינאכט, און דער טעם איז, ווייל אין דעם ווערט דערמאנט יציאת מצרים. אבער דער רי"ד ('פסקי הרי"ד' שם) קריגט זיך אויף רש"י און האלט אז די הוראה פון די משנה באציט זיך נישט אויף די קאפיטל פון 'ויאמר', נאר אויף די ברכה 'אמת ואמונה' וואו דארט ווערט דערמאנט יציאת מצרים, און די חכמים האבן מתקן געווען עס זאגן ביינאכט צוליב דער חוב צו דערמאנען יציאת מצרים אויך ביינאכט.

### זאגן די פסוקים אויפן קול

די בני אשכנז פירן זיך מפסיק זיין ביי די ברכה פארן זאגן די פסוקים 'מי כמוך' און 'ה' ימלוך לעולם ועד', און עס זאגן צוזאמען מיטן חזן. דער טעם פון דעם איז ווייל אין די פריערדיגע צייטן האט דער שליח ציבור געדאווענט בעל פה און מוציא געווען דעם גאנצן ציבור, און ווייל די הלכה פון "דברים שבכתב אי אתה רשאי לאומרם בעל פה" (גיטין ס ב), באציט זיך אויף דער וואס וויל מוציא זיין דעם ציבור, דעריבער פלעגט דער ציבור זאגן די פסוקים צוזאמען מיטן שליח ציבור. און כאטש היינטיגע צייטן איז דער ש"ץ נישט מוציא דעם ציבור, איז די תקנה געבליבן (טור או"ח מט בשם הרא"ש; 'מגן אברהם' שם א).

אבער דער גר"א ערקלערט אז דער ציבור זאגט די פסוקים צוזאמען מיטן חזן, ווייל די פסוקים זענען פסוקים וואס רעדן פון די גאולה, און אזוי ווי מ'פירט זיך ביי מגילת אסתר אז די פסוקים פון די גאולה זאגט דער גאנצער ציבור (הגהות הגר"א או"ח תרצ ז).

### די כוונה פון אמן

עס איז אמת אז מ'דארף לויבן הקב"ה אויף דעם וואס ער האט אונז אויסגעלייזט פון מצרים, גע'הרג'עט זייערע בכורים און געשפאלטן דעם ים.

# אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

## אויסטון די 'געוואוינהייט שיך'

"שַׁל נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת קֹדֶשׁ הוּא" (ג ה)

ווען א מענטש זאגט די מאה ברכות, טאג טעגליך, זאל ער נישט צולאזן אז די געוואוינהייט זאל אפשוואכן די היילגע געפילן וואס ער דארף פילן ביים זאגן יעדע ברכה. נאר ער זאל מקיים זיין די ציווי: "שַׁל נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ" - אראפנעמען פון זיך די 'געוואוינהייט שיך', און פילן "כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת קֹדֶשׁ הוּא", אזוי ווי דער של"ה הקדוש שרייבט (מסכת תמיד פרק נר מצוה אות קד): "וסוד מאה ברכות גדול ועצום...".

ספר 'מאה ברכות' בראש הספר

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## אוצרות אויף די שכר פון ענטפערן אמן

### אריכות ימים בטובה

אין גמרא (ברכות מז א) טרעפן מיר אז דאס לעבן פון א מענטש איז אנגעהאנגען אין ענטפערן אמן לויט די הלכה, סיי אויף גוט'ס און סיי אויף שלעכט'ס חלילה, ווייל אזוי זאגן חז"ל: "העונה אמן יתומה [אן צו וויסן וואס איז די ברכה] - יהיו בניו יתומים, חטופה [נישט מיט די ריכטיגע נקודות] - יתחטפו ימיו, קטופה [ער שלינגט איין איינע פון די אותיות] - יתקטפו ימיו". און אקעגן דעם דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין וועט זוכה זיין צו אריכות ימים - "וכל המאריך באמן מאריכין לו ימיו ושנותיו". און אין ירושלמי (ברכות ח ח) שטייט: "מאריכין לו ימיו ושנותיו בטובה".

די באדייט פון 'המאריך באמן' מיינט אז ער ענטפערט אמן געלאסן ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווי די שיעור פון זאגן 'א-ל מלך נאמן' (ראה תוספות שבת קיט א ד"ה א"ר), אבער ער זאל נישט צי לאנג ענטפערן, אויב די ווארט וועט נישט ריכטיג ארויס געזאגט ווערן ('אור זרוע' הל' סעודה קצג; תוספות ברכות שם ד"ה כל).

די בעלי התוספות ברענגען א שטיקל רמז אז דער וואס איז מאריך ביים ענטפערן אמן - איז מאריך ימים, פון דער פסוק (בראשית כד א): "ואברהם זקן בא בימים". "זקן **בא** בימים" איז סופי תיבות 'אמן' ('תוספות השלם' שם).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

**לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים'.**

אין אנהייב מיינע ווערטער וועל איך אנהייבן מיט א דאנק אויף די וואונדערליכן גליון וואס איז פול מיט אינהאלטרייכע קוואליטעט וואס איז זייער שיין אראפ געשריבן, צום באוואונדערן, און אויך זיין אויסערליכן אויסזען וואס ציט די אויג און אויך די הארץ. און מער פון אלעס בין איך פיל מיט שבח והודאה פארן בורא עולם אויף די וואונדערליכע אקטיוויטעטן וואס האט מיך מיט נאך אסאך אנדערע צוגעברענגט זיך מחזק זיין אין דער ענין פון תפילה און ענטפערן אמן, אזוי ווי איך וועל שוין דערציילן:

איך בין א יונגערמאן וואס וואוינט אין שטאט בני ברק. מיטן אויבערשטנ'ס הילף האב איך זוכה געווען חתונה מאכן עטליכע פון מיינע קינדער. איינע פון די שידוכים פון מיינע קינדער האט זיך אפגעהאלטן אן קיין ריכטיגע סיבה, און עס איז אנגעקומען צו אזא מצב אז דאס האט שוין אויך אפגעהאלטן דעם קומענדיגן קינד. איך האב געזוכט א זכות וואס וועט מעורר זיין רחמי שמים, איך האב זיך אדורכגערעדט מיט א גוטער פריינד א תלמיד חכם, און צוליב די וואונדערליכן ארטיקל וואס האט ערשיינט אין ענקער בלעטל אויף די טייערקייט פון קומען פריה צום דאווענען האב איך באשלאסן זיך מחזק זיין אין דער ענין. דער ידיד האט מיך געזאגט אז אויב איך וועל זען צו טון אז נאך אידן זאלן קומען פריה צום דאווענען, וועט מען פון הימל מידה כנגד מידה מקדים זיין די זמן פון די שידוכים פון מיינע קינדער.

אין דער שול וואו איך דאוון איז איינגעפירט אז ביז ישתבח דאוונט יעדער פאר זיך און דער שליח ציבור גייט צו נאר פון ישתבח. פארשטייט זיך אז די ערליכע קומען פריה צו זאגן שטייט די ברכות השחר און קרבנות און אויך מיט א חברותא, אבער איך מוז אנצייכענען מיט גרויס ווייטאג אז דער מציאות אז דער ש"ץ גייט צו נאר פון ישתבח האט ליידער צוגעברענגט ביי א טייל פון ציבור א נאכגעלאזנקייט אין דער ענין פון קומען צייטליך צום דאווענען, ווייל אזוי זעט אויס דער בילד אז נאר פון ישתבח הייבט זיך אן דער ערנסטער טייל פון דאווענען.

צוליב מיין קבלה האב איך אריינגעלייגט כוחות דער זאך זאל זיך פארבעסערן און מיטן אויבערשטנ'ס האט עס מצליח געווען. דער חזן איז יעדן אינדערפריה שוין צוגעגאנגען צו ברכות השחר און אין דער לוח פון די זמני התפילות איז צוגעלייגט געווארן א שורה: זמן אמירת ברכות השחר: 6:50

ב"ה אז ביז געציילטע וואכן האב איך א שידוך געטון מיט מיינע קינדער. א שידוך וואס איז שוין ארויף אויפן טיש פאר צוויי יאר און איז אבער אפגעווארפן געווארן, איז נאכאמאל ארויף און דאסמאל אויסגעפירט געווארן - "כי בא מועד". נישט נאר דאס, נאר אין דער זעלבער וואך אויף א וואונדערליכן אופן, איז אויך דער קומענדיגער קינד א חתן געווארן עב"ג בשעטו"מ.

**י.ז.כ. -ירושלים עיה"ק**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


די קבר פון בעל ה' סמיכת חכמים'

### דער 'סמיכת חכמים'
### כ"ד טבת תע"ט

רבי נפתלי כ"ץ איז געבוירן אין יאר ה"א ת"כ אין שטאט אוסטראה וואס איז אין אוקריינא צו זיין פאטער רבי יצחק הכהן.

ער האט געדינט אלס רב אין די שטעט אוסטראה און פאזען און אין יאר תס"ד איז ער אריבער דינען אלס אב"ד אין שטאט פראנקפורט דמיין וואס איז אין דייטשלאנד. נעבן זיין גדלות אין תורת הנגלה, איז ער אויך געווען זייער גרויס אין תורת הנסתר און חכמת הקבלה. ער האט פארפאסט אסאך ספרים, צווישן זיי: 'ברכת ה'', 'סמיכת חכמים', 'קדושה וברכה'.

אין יאר ה"א תע"ח נאך יו"ט שבועות האט ער באשלאסן ארויפגיין קיין ארץ ישראל און זיך באזעצן אין שטאט צפת וואו דארט איז ער אויפגענומען געווארן אלס 'נשיא ארץ ישראל'. אינמיטן וועג זייענדיג אין שטאט קושטא [איסטאנבול] איז ער קראנק געווארן און דארט איז ער נפטר געווארן און אויך דארט באערדיגט געווארן.

צוליב זיין געוואלדיגע ענוה האט ער באפוילן אין זיין צוואה מ'זאל אויסקריצן אויף זיין מציבה נאר דעם פאלגנדן נוסח: 'פה נטמן הרב מוהר"ר נפתלי הכהן בן הרב הגדול המופלג בדורו מוהר"ר יצחק הכהן, משלשלת היחוס כמה גאוני ארץ ראשי משפחתו מכל הצדדין, ויחוס הכהונה עד אהרן הכהן לא-ל עליון'.

### גדול אין 'מעלה' און יותר אין 'שכר'

די חכמים זאגן (ברכות נג ב) גדול העונה אמן יותר מן המברך". לכאורה וואלט גענוג געווען צו זאגן "גדול העונה אמן מן המברך", וואס פעלט אויס די ווארט 'יותר'? נאר צוויי זאכן האבן די חכמים אונז געוואלט אויסלערנען אין דער מאמר: א. "גדול העונה אמן" - די דרגה פון דער 'עונה אמן' איז גרעסער און העכער פון דער 'מברך'. ב. "יותר מן המברך" - אויך דער שכר פון דער 'עונה' איז מער פון די שכר פון דער 'מברך' ('קדושה וברכה' שם).

### די מעלה פון ענטפערן אמן

"יעדער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן ווערט אנגערופן קדוש" ('צוואת רבינו נפתלי כץ' אות כא).

### מאה ברכות אין שבת

אין זיין ספר 'בית רחל' ווערט געברענגט א זמר וואס ער האט מחבר געווען אויף די סעודה פון שבת אינדערפריה און דארט דערמאנט ער דעם חוב צו מקפיד זיין צו זאגן מאה ברכות אויך אין שבת:

"מאה ברכות חייב להשלים במגדים ופירות, ישראל מה שואל מעמך? מאה לקרות!"